בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת וילך תשפ"ו | שבת שובה תשפ"ו | גליון 812 [שנה י"ז]

**דרוש- פארוואס האט משה נישט איינגעזאמלט די אידן מיט חֲצוֹצְרוֹת?**

וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל: וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא וַה' אָמַר אֵלַי לֹא תַעֲבֹר אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה: (לא א–ב) עס איז א פלא אז עס שטייט וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה, אז משה איז געגאנגען אבער עס שטייט נישט פון וואו ער איז געקומען און וואו ער איז געגאנגען? און מען טרעפט נישט ערגעץ אין די תורה אז משה זאל גיין צו כלל ישראל, נאר פארקערט די אידן זענען געקומען צו משה? נאר רש"י פרעגט אויפן פסוק (דברים לא כח) הַקְהִילוּ אֵלַי אֶת כָּל זִקְנֵי שִׁבְטֵיכֶם, פארוואס האט משה נישט געבלאזן יענעם טאג מיט די חֲצוֹצְרוֹת אזוי ווי ער פלעגט אלעמאל טאהן? און רש"י ענטפערט ווייל יענע טאג האט משה געדארפט גיין פון די וועלט, און שלמה המלך זאגט "וְאֵין שִׁלְטוֹן בְּיוֹם הַמָּוֶת" (קהלת ח ח) אז דעם טאג וואס א מענטש שטארבט קען ער נישט געוועלטיגן, און חֲצוֹצְרוֹת איז געווען א ענין פון מלכות, אזוי ווי עס שטייט ותרועת מלך בו, דעריבער האט דער אויבערשטער דאס גונז געווען יענעם טאג. (מדרש תנחומא בהעלותך י). לפי"ז האט משה נישט געקענט צוזאמען רופן די אידן מיט חֲצוֹצְרוֹת אויף הַקְהֵל, ווייל מען האט דאס גונז געווען, אויך האט ער נישט געוואלט שיקן א שליח צו די אידן, ווייל דאס איז אויך א ענין פון געוועלטיגן אז א מענטש זאל גיין פאר אים, דעריבער האט משה אליין געמוזט גיין צו די אידן און רעדן צו זיי, איז שוין פארענטפערט פארוואס משה איז געגאנגען, אויך דער וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה, שטייט גלייך נאכדעם דער טעם פארוואס ער איז געגאנגען, ווייל וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל, צו רעדן צו די אידן, מיט דעם איז גוט פארוואס משה האט געמוזט זאגן בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם, צו פארענטפערן פארוואס ער איז אליין געקומען צו זיי, ווייל הַיּוֹם, היינטיגער טאג בין איך געבוירן געווארן און היינטיגער טאג גייט ער שטארבן און אֵין שִׁלְטוֹן בְּיוֹם הַמָּוֶת, דעריבער מוז ער אליין קומען צו זיי, לפי"ז קען מען מסביר זיין וואס עס שטייט וַיֹּאמֶר קַיִן אֶל הֶבֶל אָחִיו וַיְהִי בִּהְיוֹתָם בַּשָּׂדֶה וַיָּקָם קַיִן אֶל הֶבֶל אָחִיו וַיַּהַרְגֵהוּ: (בראשית ד ח) פרעגט די הייליגער רמב"ן אז עס שטייט וַיֹּאמֶר קַיִן אֶל הֶבֶל אָחִיו, פארוואס שטייט נישט וואס קַיִן האט געזאגט צו הֶבֶל? נאר לפי אונזער רייד, פון דאס וואס שטייט גלייך נאכדעם וַיְהִי בִּהְיוֹתָם בַּשָּׂדֶה, איז פארשטענדליך אז קַיִן האט גערופן הֶבֶל צו קומען אין פעלד, און אזוי האט געקענט זיין וַיָּקָם קַיִן אֶל הֶבֶל אָחִיו, דאס זעלבע איז ביי: וַיֹּאמֶר ה' לַדָּג וַיָּקֵא אֶת יוֹנָה אֶל הַיַּבָּשָׁה (ב יא) שטייט נישט וואס דער אויבערשטער האט געזאגט צום דָּג? נאר עס שטייט גלייך נאכדעם וַיָּקֵא אֶת יוֹנָה, איז א סימן אז דער אויבערשטער האט געזאגט דעם דָּג אויס צושפייען יוֹנָה. (רחובות הנהר ר' זאב וואלף טעננענבוים אב"ד ווערפילט)

**וואס איז דער ענין פון בן מאה ועשרים שנה אנכי היום**

וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא וַה' אָמַר אֵלַי לֹא תַעֲבֹר אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה: (ל"א ב') זאגט רש"י פארוואס לֹא אוּכַל: ווייל ה' אָמַר אֵלַי, דעריבער קען איך נישט אריינגיין אין ארץ ישראל. צו פארשטיין וואס איז געווען שווער פאר רש"י? נאר עס איז געווען שווער פארוואס דארף שטיין אין פסוק בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם, וואס איז דער נפק"מ ווי אלט ער איז, ווען די אלטקייט האט גארנישט צו טאן מיט זיין נישט אריינגיין אין א"י אויב אזוי האט נאר געדארפט שטיין אין פסוק וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם ה' אָמַר אֵלַי לֹא תַעֲבֹר אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה? נאר משה רבינו האט דא געוואלט ווייזן אז מען דארף געבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן און זאגט בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם, דער אויבערשטער האט אים געגעבן א געזונטן עלטער, ווי עס שטייט לֹא נָס לֵחֹה, און געווען פריש דעמאלט, איז נישט די סיבה וואס איך קען נישט אריינגיין קיין א"י, ווייל ער איז אלט און קראנק נאר אדרבא איך דאנק דעם הייליגן באשעפער אז מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם, און איך בין געזונט, איי פארוואס קען איך נישט אריינגיין אין א"י? נאר ווייל וַה' אָמַר אֵלַי לֹא תַעֲבֹר אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה. ממילא האט משה אויפגעטאהן צוויי זאכן. (דרושי הרמבא"ד הר' משה דייטש בן גורן דוד)

**דרוש- א מענטש איז נאר א שליח פון אויבערשטן**

ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא עֹבֵר לְפָנֶיךָ הוּא יַשְׁמִיד אֶת הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִלְּפָנֶיךָ וִירִשְׁתָּם יְהוֹשֻׁעַ הוּא עֹבֵר לְפָנֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה': (ל"א ג) עס איז זייער אינטרעסאנט די לשונות פון פסוק וואס שטייט דריי מאל דער ווארט "הוּא" ווייל עס וואלט געקענט שטיין ה' אֱלֹקֶיךָ עֹבֵר לְפָנֶיךָ וְיַשְׁמִיד אֶת הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִלְּפָנֶיךָ וִירִשְׁתָּם וִיהוֹשֻׁעַ עֹבֵר לְפָנֶיךָ? נאך א דיוק פארוואס פאנגט זיך אן דער פסוק מיט ה' און ענדיגט זיך מיט ה'? נאר דער פסוק וויל ווייזן אז יְהוֹשֻׁעַ וואס איז די שר צבא, און פירט די מלחמה, איז נישט דער מנצח פון די מלחמה, נאר דער אויבערשטער איז דער מנצח, און יְהוֹשֻׁעַ איז נאר דער שליח פון אויבערשטן, דעריבער פאנגט זיך אן דער פסוק מיט ה' און ענדיגט זיך מיט ה', דאס צו ווייזן אז אלעס איז ה', און דאס זעהט מען ביי דוד המלך (תהלים כז) לְדָוִד: ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי, וואס פאנגט זיך אויך אן מיט ה' אוֹרִי, און ענדיגט זיך מיט ה', וְקַוֵּה אֶל ה', מיט די זעלבע כוונה, ווייל דוד המלך זאגט אֶת פָּנֶיךָ ה' אֲבַקֵּשׁ, ווייל אפילו איך דוד איז דער שר הצבא, ווייס איך אז דער מנצח המלחמה איז ה', דעריבער וְקַוֵּה אֶל ה', ווען איך גיי אין מלחמה בעט איך דעם אויבערשטן ער זאל מנצח זיין די מלחמה, און איך דוד איז נאר א שליח, דעריבער איז דאס ארום גענומען מיט שם ה'. דעריבער איז הפלא דער פסוק ה' אֱלֹקֶיךָ "הוּא" עֹבֵר לְפָנֶיךָ, דער אויבערטער, נאר ער גייט פאראויס פאר דיר, און "הוּא" יַשְׁמִיד אֶת הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה, ער טוט פארניכטן די מלחמה, אבער יְהוֹשֻׁעַ "הוּא" עֹבֵר לְפָנֶיךָ, ער איז נאר א שליח פון אויבערשטן, כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה'. דאס איז א לימוד אז אין דער וועלט זענען מיר נאך שלוחים און מיר דארפן נישט אויפטאהן נאר דער אויבערשטער טוט אלעס און מיר זענען נאר זיינע שלוחים. (שמח זבולון תשפ"ו עפ"י ספר אהבת תורה הורוויץ)

**דורך תשובה ווערט מען געהאלפן**

שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ: (הושע יד ב) איז בגימ' הוֹשַׁע עַבְדְּךָ אַתָּה אֱלֹקַי הַבּוֹטֵחַ אֵלֶיךָ 1020, און מען קען זאגן: כדי צו קענען האבן בטחון אין אויבערשטן, מוז מען זיין נאנט צו אים, אבער עבירות מאכן א מָסָךְ און א שוואכקייט אין בטחון, דעריבער דארף מען תשובה טאן, און דער מענטש ווערט הַבּוֹטֵחַ אֵלֶיךָ, און מיט בטחון איז, הוֹשַׁע עַבְדְּךָ אַתָּה אֱלֹקַי, טוט אים דער אויבערשטער העלפן, און דאס איז דער רמז אין דעם גימט' פון אונזער הפטורה. (שמח זבולון תשפ"ו)

## מדור העובדות

******* דער הייליגער רבי מענדיל פאנעט פון דעעש דער מראה יחזקאל פויעלט א ישועה נאכן הסתלקות צוריק ברענגען א פארלוירענע קינד*******

הרה"ק ר' יחזקאל פאנעט זצוק"ל איז געבוירן געווארן שנת תקמ"ג, (כ' ניסן תר"ה), צו הרבני ר' יוסף און זיין מאמע בריינדיל אין שטאט בליץ, ער האט געלערנט ביים הייליגן ברוך טעם הגה"ק ר' ברוך תאומים פרענקל, און נתקרב געווארן צו חסידות ביים חוזה מלובלין און ביי הרה"ק ר' מנחם מענדל מרימינוב זצוק"ל, ער האט געגרינדעט חסידות דעעש און באקאנט פון זיין הייליגן ספר מראה יחזקאל.

אין א קליין שטעטל אין מארמאראש האט געוואוינט א שיינע משפחה מיט עטליכע קינדער ווען פלוצלונג איז דער מאן געשטארבן יונגערהייט און איבער געלאזט אז צובראכענע אלמנה, און עס איז געווארן פינצטער פאר איר, דער אויבערשטער האט איר צוגעשיקט א מענטש וואס האט געהאט שיין פרנסה און האט חתונה געהאט מיט איר און געהאדעוועט די קינדער ווי זיינע אייגענע.

די קינדער האבן געהאט א טאטע און זי האט געהאט פרנסה, אבער דער מאן האט באמערקט אז עפעס אין איר איז דא א שטארקע צובראכנקייט, און נישט פארשטאנען וואס זאל איר יעצט פעלן אז זי זאל נישט זיין צופרידן! האט זי זיך געעפנט און דערציילט, אז מיט פופצן יאר צוריק איז אין איר שטעטל געווען א פאראד פון סאלדאטן און אלע מענטשן זענען ארויס אין די גאסן קוקן.

זי האט געהאט א אינגל וואס איז געווען דריי יאר אלט און איך האב אים נישט באמערקט אז ער איז געגאנגען מארטשירן מיט די סאלדאטן און עס ווייזט אויס אז די סאלדאטן האבן אים צוגענומען, און עס איז שוין פופצן יאר וואס איך האב פון אים נישט געהערט און איך בין צובראכן טיף אינעווייניג פארוואס איך האב נישט אכטונג געגעבן אויף אים און איך ווייס נישט צו ער לעבט צו ער איז א איד, און וועגן דעם איז מיין צער גרויס!

איר מאן איז געווען א דעעשער חסיד וואס איז נאך געפארן צום הייליגן מראה יחזקאל וואס איז נישט לאנג אוועק, און האט געזאגט איך בין זיכער אז איך קען דיר העלפן, און דערציילט איר פון זיין גרויסן רבין וואס איז געווען א פועל ישועות און ער ליגט אין קארלסבורג, לאמיר פארן צו זיין קבר און זיך אויסבעטן פון צדיק אז דער אויבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט זיך דערוויסן פון דיין פארלוירענעם זון! די פרוי איז געווען א אשת חיל און האט מסכים געווען, און זיי זענען ביידע געפארן צום ציון פון הייליגן מראה יחזקאל.

דער מאן און זיין פרוי האבן ביידע אויסגעזאגט גאנץ תהלים און געצונדען ליכט פארן צדיק און גוט אויסגעוויינט אז דער צדיק זאל פויעלן פאר זיי א ישועה, די פרוי האט געזען די געטריישאפט פון איר מאן אז ער בעט אזוי ווי דאס איז זיין אייגענע פארלוירענעם קינד און דאס האט איר שטארק מחזק געווען און זי האט באקומען א גיסטע פון צופרידענהייט און געווארן שטארק בארוהיגט האבנדיג אמונה אז דער צדיק וועט איר העלפן.

זיי זענען אהיים געפארן און נאך אלץ מתפלל געווען אויף ישועת ה', וואס איז כהרף עין, און פון וואו מען טראכט נישט פון דארט קומט די ישועה, און טאקע אין א פאר טעג ארום האט זיך א גוי ארייגעצויגן אין א הויז לעבן זיי, און די פרוי האט געהאט א ביסל עגמת נפש וועגן דעם, אבער נישט אויף לאנג, ווייל איין טאג איז געווען א שיינע טאג און די פרוי איז געגאנגען שפאצירן מיט אירע קינדער און דער גוי איז אויך געגאנגען שפאצירן, און ער קוקט אויף אירע קינדער און נעמט נישט אראפ זיין גלאנץ פון א יונגער בחור, און אנשולדיגט זיך פארן אזוי זיך אויפירן, אבער ער זאגט אז ער איז געקומען נישט לאנג פון גרויסווארדיין, און זיין שכן האט א אכצן יעריגן בחור וואס איז ממש א צווילינג צו דיין בחור!

און יעצט איז מיר שוין אלעם פארענטפערט זאגט דער גוי, ווייל דער בחור זעהט אויס ווי א איד און וואוינט ביי א גוייאשע משפחה, און זיי אליין וואונדערן זיך ווער זענען זיינע עלטערן, און אפשר האט איר פארלוירן א קינד און דאס איז אייער קינד? די פרוי איז כמעט געפאלן חלשות הערענדיג די ווערטער און איז געגאנגען צו איר מאן און האט אים דערציילט וואס דער גוי האט איר געזאגט! דער מאן זייענדיג א מאמין אין צדיק, האט זיך אנגערופן צו איר, איך בין זיכער אז דאס איז אלעם די ארבעט פון הייליגן צדיק!

דער מאן האט געדאנקט דעם גוי פאר זיי אנטפלקן פון דעם בחור, און האט געבעטן פון גוי דעם פונקליכן אדרעס און נאמען פון די גוייאשע משפחה אין גראסווארדיין, און זיי זענען געפארן צוזאמען קיין גראסווארדיין, אבער זיי האבן געדארפט טראכטן א פלאן ווי אזוי גייט מען דאס טאן! און האבן געטראפן א איד וואס וואוינט נישט ווייט פון דער גוי און זיך נאכגעפרעגט אויף די משפחה, און זיי האבן געזאגט אז זיי זענען פיינע מענטשן, אבער עס איז אינטרעסאנט אז זיי האבן א בחור וואס זעהט אויס ווי א איד און איז זייער איידל, אבער עס זעהט אויס אז דאס איז זייער קינד, און איך האב זיי קיינמאל נישט געפרעגט, ווייל וואס וועל איך קענען העלפן?

די רייד האט שוין געגעבן די ריכטיגע האפענונג און שטאלץ און זיי זענען געגאנגען צום הויז פון דער גוי, און אנגעקלאפט אויפן טיר, און מען האט זיי אריין געלאזט און דערציילט אז זיי זענען פון א שטעטל אין מארמארוש און פאר פופצן יאר צוריק האבן זיי פארלוירן א זון און אייער שכן האט זיך יעצט אריינגעצויגן לעבן אונז און האט דערציילט אז איר האט א זון וואס זעהט אויס א צווילינג צו מיין בחור אינדערהיים! די גוי האט געזאגט אז עס איז אמת אז א סאלדאט האט געטראפן א קינד און נישט געוואוסט ווער זענען זיינע עלטערן און איך האב רחמנות געהאט און אים אריין גענומען, און איך וועל ברענגען מיין זון יעצט, דער בחור איז אריין און די מאמע האט אים גלייך דערקענט און געזאגט דאס איז מיין פארלוירענעם קינד!

די גוי האט געפרעגט דעם בחור וואס ער וויל טאן? און האט געזאגט אז ער פילט אז דאס איז טאקע זיין מאמע, און אויב דו ביזט מסכים בין איך אויך גרייט גיין צו זיין מאמע, מען האט שיין פארברענגט און ווארעם זיך געזעגנט און געדאנקט דעם גוייאשע משפחה און געהאלטן א קשר מיט זיי, און מיט די צייט איז דער בחור צוריקגעקומען אויפן אידישן וועג, אין זכות פון הייליגן צדיק וואס האט איבערגעקערט א וועלט צוריק ברענגען א אידיש קינד, זיע"א.

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון $3600 סעט שו"ע זיטאמיר חסר או"ח ח"ג $3000 טור אבן העזר וחו"מ סלאוויטא $600 ירושלמי דפוס זיטאמיר מצב מפואר כריכת עור מעיר סאטמאר לפני המלחמה נייר לבן, חסר קצת מהשער של זרעים $3200 שו"ע חו"מ ב' כרכים סלאוויטא ר' משה $6000 ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות ארוכות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 מהר"ם שיק עם חתימת וחותמת הגאון ר' אליעזר צוקער מבערגסאז עם ב' הגהות ממנו $3000 ספר מטה ב' חתימות ארוכות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 18 גמרות זיטאמיר ריגאל עם הג' בבות יבמות גיטין ועוד רובם מצבים מצויינים $35000 מאור ושמש דפוס ראשון ח"א $5000 נ"ך זיטאמיר ח"ג $400 נ"ך זיטאמיר ח"ד $400 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $8500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת עם הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 מגן אבות קאפוסט דפוס ראשון שבעה חלקים $1500 חומש תורה תמימה ד' חלקים הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 חיי אדם זיטאמיר $800 אדמו"י מלכות בית טשערנאביל $500 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר צדקת יוסף עם הקדשת הרבי מפיטסבורג הר"ר מרדכי זצ"ל $500 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $5000 - 718 ~ 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA

**438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website** ***www.seforimworld.com. WE sell old USA coins and supplies albums coin holders also silver coins for Pideon Haben***